

# דאָס לעבן און אומקום אין לעמבערג פונעם באָבאָווער רבי'ן הי"ד

**מיט 45 יאָר צוריק, נאָכן אויסברוך פון דייטש־רוסישער מלחמה, האָבן זיך אָנגעפאַנגען די נאַצישע מאַסן־רציחות אויף אידן. — דער באָבאָווער רבי אדמו"ר הגה"ק ר' בן־ציון הי"ד איז געווען איינער פון די גרויסע חסידישע מנהיגים אין פוילן אומצוקמען אין לעמבערג ביי אַזאַ מאַסן־שחיטה. — דער אַרטיקל ספעציעל געשריבן פאַרן "אידישן וואָרט" צו דער 45טער יאָרצייט ד' אב (תש"א—תשמ"ו) ברענגט צום ערשטן מאָל אַן אויספירליכע שילדערונג צוזאַמען מיט בילדער און דאָקומענטן**

• פון בן ציון גאָלדמאַן

### חכם עדיף מנביא

— "בימים אלו דיבר הרבה מהגדירות המתחדשות לבוא לעולם, והאריך בדיבורים מכל הגזירות. ולבסוף אמר בזה"ל: 'מיר האָבן בקבלה פון די פאַרצייטישע צדיקים די גאַנצע היינטיגע צייט, נאָר מיר טאָרן נישט אויסזאָגן'".

די אויבּיקע שורות זיינען אַ ציטאַטע פון אַ העפט, געשריבן פון אַ באָבאָווער בחור האַרט פאַר'ן קריג, מיט תורות און שמועסן געהערט פון זיין רבי'ן אדמו"ר הרה"ק ר' בן ציון זצוק"ל, און זיי קענען אונז אפשר דינען צו באַנעמען די אויפפירונג פונ'ם רבי'ן אין די צוויי יאָר וואָס ער האָט געלעבט אונטערן שאָטן פון די מלחמה.

זינט דער רשע היטלער ימ"ש איז געקומען צו דער מאַכט, האָט דער רבי כסדר גערעדט וועגן גזירות און השמדות וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי אידן, און טרערן פלעגן זיך גיסן פון זיינע אויגן. אַ סך האָט דער רבי געשמועסט מיט זיינע תלמידים און חסידים וועגן ענינים פון קידוש השם, און דאָס נאָך לאַנג איידער דער פאַקטישער חורבן איז געקומען. ביי פילע שמועסן וועגן אַנדערע ענינים פלעגט ער אויספירן: "דער עיקר איז אָבער, אַז אַ איד דאַרף שטענדיק זיין גרייט אומצוקומען אויף קידוש השם".

"דער ווינער שייגעץ" — ווי דער באָבאָווער רבי פלעגט רופן דעם רשע ימ"ש, נישט וועלענדיק אים דערמאָנען ביים טריפה'נעם נאָמען — האָט אים נישט געגעבן קיין מנוחה. יעדן שריט זיינעם האָט דער רבי נאָכגעפאָלגט מיט ציטער, און יעדער נייעס וואָס איז געקומען פון "דאָרט" האָט דעם רבי'ן דערשיטערט עד דכדוכה של נפש.

אין צוגאָב צו דער "קבלה פון פאַרצייטישע צדיקים" איז דערצו אויך געווען אַ גורם דעם רבינ'ס חכמה און פיקחות. אין זין פון "איזהו חכם הרואה את הנולד" און "חכם עדיף מנביא" האָט ער טיפער פאַרשטאַנען די לויפענדע געשעענישן און פאָרגעפילט, אַז עפּעס שרעקליכעס ערוואַרטעט דאָס אידישע פאָלק; אַז דער באַגריף פון "מלחמה" איז פיל גרויזאַמער ווי סתם מענטשן טייטשן עס אויס.

מעשה שהי', אַז אַ יונגערמאַן האָט אים געפרעגט אַן עצה ווי אַזוי צו אינוועסטירן זיין נדן, נאָכדעם ווי מען רעדט פון אַ מלחמה... דער רבי,



באָבאָווער רבי מיט צוויי פון זיינע איידעמס: רעכטס איז הרב ר' יחזקאל הלברשטאם ז"ל הי"ד און לינקס איז הרב ר' משה סטעמפל ז"ל הי"ד, זיי ביידע זיינען אומגעקומען מיט'ן רבי'ן אין טאָג פון ד' אב תש"א.

דערהערנדיג דאָס וואָרט "מלחמה", איז געוואָרן ווייס ווי קאלך, און געזאָגט: "דו ווייסט וואָס דו האָסט איצט געזאָגט? דו ווייסט וואָס דאָס וואָרט "מלחמה" מיינט? — מלחמה מינט איבוד העולם!..."

אונטער אַזעלכע קאָשמאַרע פאָרשטעלונגען האָט דער רבי געלעבט עטליכע יאָר ערב די מלחמה. און כאָטש ער האָט אין די יאָרן געבויט און פאַרשפרייט תורה און חסידות אין גאַליציע אויף אַ פענאָמענאַלן פאַרנעם, האָט אָבער ביי אים כסדר גענעסטעט די שרעק פאַר דער פאַרנעפּלטער צוקונפט, עס



באָבאָווער רבי זצ"ל אין באַגלייטונג פון צוויי פון זיינע זין. רעכטס איז דער היינטיקער באָבאָווער רבי שליט"א און אין הינטערגרונד איז דער פאקשעווניצער רב הרב יחזקאל דוד הלברשטאם ז"ל (די ביידע זין האָבן בחסדי ה' איבערגעלעבט די מלחמה).

זאָל חלילה נישט מקויים ווערן (ווי עס איז ליידער געשען) דער "אשר טפחתי ורביתי אויבי כלם"...

אין יאָר תרצ"ט, ווען היטלער־דייטשלאַנד האָט אַרויסגעטריבן אַלע אידן פוילישע בירגער, און פוילן האָט זיי נישט אַריינגענומען נאָר זיי געלאָזן שמאַכטן אין דער שטאָט זבאָנשין, אויף דער גרענעץ צווישן פוילן און דייטשלאַנד, האָט דער באָבאָווער רבי אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, וואו ער בעט צו קומען צו הילף אָט די אומגליקליכע אידן. דער בריוו וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען "איגרת הקודש", זייענדיק אַ ספר פאַר זיך, איז געשריבן געוואָרן אין אָנפאַנג פון יענעם יאָר (תרצ"ט), בערך דריי־פערטל יאָר פאַר די מלחמה, און דאָרט ווערן אויסגערעכנט די אכזריות'ן פון די רשעים, ווי דער רבי האָט זיי שוין דאַן געזען. כאָטש מען האָט נאָך דערפון דעמאָלט נישט געקענט חלומ'ן